# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת חיי שרה | כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק


## מילי דחסידא

**ומשמע ודומה ומשא:** אפשר שבא להורות מה שאמרו ז"ל (ר"ה י"ז ע"א) כל המעביר על מידותיו מעבירין לו על פשעיו. ע"כ רמזה שכשישמע אדם חרפתו, וידום, אז ומשא הקב"ה נושא לו עוונותיו (מגיד תהילות).

## דרש דרש

**ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו:**

דער **רבי ר' העשיל פון קראקא** זי"ע זאגט א וואונדערליכער טייטש: אין די ברייתא דרבי ישמעאל זאגן מיר יעדן טאג **רבי ישמעאל אומר בשלש עשרה מידות התורה נדרשת בהן וכו' בכלל ופרט וכו'**, לכאורה איז דא שווער דריי קשיות: א) די קשיא פון **תוס' ישנים** היתכן מ'האט גערופן א תנא מיטן נאמען ישמעאל, דאס איז דאך א נאמען פון א רשע. ב) פארוואס זאגט ער ר' **ישמעאל אומר**, ער וואלט געדארפט זאגן **אמר רבי ישמעאל**, ווייל ר' **ישמעאל אומר** זאגט מען געווענליך ווען עס איז דא א פלוגתא, און דא איז נישטא קיין שום מחלוקה. ג) די פערטע מידה איז **בכלל ופרט**, אז אויב קודם שטייט א כלל און נאכדעם א פרט לערן איך ארויס אז אין בכלל אלא מה שבפרט. אבער אויב זאג איך **אין מוקדם ומאוחר בתורה**, ווי קען איך מדייק זיין פון דעם וואס דער כלל שטייט פריער אז דאס קומט עפעס צו לערנען?

נאר די גמרא זאגט אין מס' בבא בתרא אז ישמעאל האט תשובה געטון ווייל ביי אברהם אבינו'ס פטירה שטייט ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו, קודם שטייט יצחק און נאכדעם ישמעאל, און אז ער האט געגעבן כבוד פאר יצחק איז געדרינגען אז ער האט תשובה געטון.

דאס איז אבער נאר אמת אויב איך זאג אז אין איין פסוק זאג איך יש מוקדם ומאוחר, אבער אויך איך זאג אין מוקדם ומאוחר איז נישט קיין שום ראי' פון וואס יצחק שטייט פריער, אלא מאי אז איך זאג דעם דרש איז געדרינגען אז בחד ענין האלט יעדער אז יש מוקדם ומאוחר.

מיט דעם איז שוין פארענטפערט אלע קשיות, און לויט דעם דארף מען אזוי טייטשן **רבי ישמעאל** דאס וואס א תנא האט געהייסן מיטן נאמען **ישמעאל** מוז דאך זיין אז ישמעאל האט תשובה געטון ממילא קען מען רופן א תנא אויף זיין נאמען, פון וואו לערנט מען דאס ארויס פון דעם וואס עס שטייט קודם **יצחק** און נאכדעם **ישמעאל**, מוז איך זאגן **יש מוקדם ומאוחר בתורה**, ממילא וועגן דעם **אומר**, דאס זאגט פון זיך אז די תורה איז **נדרשת בכלל ופרט**.

*

**מה' יצא הדבר, מהיכן יצא מהר המוריה:** דער ישמח משה זי"ע פארענטפערט דעם מדרש פליאה, לויט די באקאנטע מחלוקת צווישן דעם **נודע ביהודה** מיט **הגאון ר' איציקל האמבורגער** זי"ע, וואס קריגן זיך אויב ווען איינער האט געשיקט א **שליח לדבר עבירה**, אויב די שליחות האט א קיום צי עס ווערט בטל. דער נוב"י האלט אז די מעשה איז בטל, און ר' איציקל האמבורגער האלט אז די מעשה איז קיים.

## מעשה רב

**ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו:**

ווען דער רבי ר' העשיל פון קראקא זי"ע איז געווען א קינד, איז געקומען איינער פון די גדולי ישראל וואס האט אים געוואלט פארהערן און זעהן צי ער קען אים נעמען פאר א איידעם. זיי האבן זיך באגעגנט אין א אכסניא, און קיינער פון זיי האט נישט מיטגענומען קיין שום ספר, אויפן טיש איז געלעגן בלויז א סידור.

האט זיך דער רב אנגערופן "איך הער אז דער חתן איז א חריף, א חריף דארף קענען זאגן א חידוש סיי ווי אימער, דעריבער וועל איך אים אויספרובירן, איך וועל עפענען דעם סידור, און דער חתן זאל מיר זאגן א חידוש אויף יענעם ארט וואו עס וועט זיך אויפמישן.

דער רב האט געעפענט דעם סידור, און עס האט זיך אויפגעמישט ביי די ברייתא דרבי ישמעאל וואס מען זאגט יעדן טאג פאר 'הודו'.

דער יונגער העשיל טראכט נישט לאנג, און ער הייבט אן צו זאגן זיין וואונדערליכער חידוש: די תורה וואס מיר האבן דא געדרוקט אינעם אפטיילונג "דרש דרש" אויפן פסוק "ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו".

## מילי דרמיזא

**היש בית אביך מקום ללון:** הרה"ק רבי יהושע'לע דזיקוב'ער זי"ע זאגט א הערליך ווארט אין זיין ספר עטרת ישועה:

עס ווערט געברענגט אז די **עקידת יצחק** איז געווען יום כיפור, און דריי טאג האט גענומען ביז ווען אברהם אבינו איז צוריק געקומען קיין חברון, וואס דארט איז אים געקומען די בשורה אז רבקה איז געבוירן געווארן י"ב תשרי.

אין **פרקי דרבי אליעזר** ווערט געברענגט אז ווען אליעזר האט מקדש געווען רבקה איז זי אלט געווען דריי יאר מיט דריי טעג, קומט אויס אז אליעזר איז אנגעקומען צום ברונעם ט"ו תשרי דעם ערשטן טאג סוכות.

דאס איז דער פשט וואס אליעזר האט איר געפרעגט **הגידי נא לי, היש בית אביך מקום לנו ללין?** די צוויי ווערטער **נא לי** איז בגימטריא **סוכה**, זיין שאלה איז געווען, צי עס איז דא א פלאץ וואו צו מאכן א סוכה אז מען זאל דארט קענען איבערנעכטיגן?

רבקה האט פארשטאנען די שאלה, און זי האט געענטפערט **גם תבן גם מספוא רב עמנו**, ווייל די הלכה איז אז מען קען מאכן א סוכה פון **פסולת גורן ויקב**, דעריבער קען ער זיכער האבן א כשר'ע סוכה ביי בתואל אין שטוב.

אין ספר **חמרא טבא** פון **הגה"ק מבארנוב זצ"ל** לייגט ער צו אז דאס זאגט דער פסוק אז אליעזר איז אנגעקומען **לעת ערב לעת צאת השואבות**, אין די צייט ווען מען גייט ארויס פראוועך **שמחת בית השואבה**.

ברענגט **רבי איציקל האמבורגער** א ראי׳ אז די מעשה ווערט נישט בטל, ווייל מיר לערנען אנהויב פרק האיש מקדש אז אויב איינער האט מקדש געווען דורך א שליח איז די קידושין תופס, כאטש מ׳טאר נישט מקדש זיין דורך א שליח, ווייל אסור לקדש אשה עד שיראנה, דאך איז די קידושין תופס.

טענה׳עט אבער דער **נוב"י** אז פון דעם איז נישט קיין ראי׳ ווייל יעדער איז מודה אז דארט וואו עס איז נישטא קיין ברירה מעג מען מקדש זיין דורך א שליח, און דער עד שיראנה איז נישט מעכב, און דאס וואס די משנה זאגט האיש מקדש רעדט אויף אן אופן ווען מ׳קען נישט אן א שליח.

דא ביי יצחק זעהן מיר אז זיי האבן געזאגט מה׳ **יצא הדבר** ווייל ער האט איר שוין מקדש געווען, לכאורה דארף מען פארשטיין ווי אזוי האט ער געקענט מקדש זיין דורך א שליח, אמער אויב יצחק האט איר נישט געזעהן איז דאס דאך א דבר עבירה, און די קידושין איז נישט תופס. מוז איך ענטפערן ווי דער נוב"י אז דא איז אנדערש וויבאלד יצחק האט נישט געקענט קומען ווייל ער איז געווען א קרבן עולה אויפן הר המורי׳, און ער האט נישט געמעגט ארויסגיין פון ארץ ישראל.

דאס זאגט דער מדרש **מהיכן יצא** ווי אזוי איז דאס ארויסגעגאנגען, די קידושין איז דאך נישט תופס, אויף דעם זאגט דער מדרש **מהר המורי׳** וויבאלד ער איז געווארן א קרבן אויפן הר המורי׳ האט ער דאך נישט געהאט קיין ברירה ממילא איז די קידושין תופס.

*

**ויושם לפניו לאכל ויאמר לא אוכל עד אם דברתי דברי ויאמר דבר, ויאמר עבד אברהם אנכי.**

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** זאגט א הערליכן טייטש, לויט דעם וואס מיר האבן געלערנט אין די גמרא אין מסכת קידושין אז וויבאלד די פסוק זאגט **ושלחה** מיט א איבריגע ה׳ עס וואלט געקענט שטיין **ושלח** לערנט מען ארויס אז איין שליח קען מאכן א אנדערע שליח.

ביי די הלכה אז א קנעכט גייט ארויס פריי אויב די הער האט אים אויס געהאקט די ציין, זאגט די גמרא אז עס איז א מחלוקה, איינער האלט אז נאר אויב דער הער האט ׳אינזין געהאט׳ אים אויס צו האקען די ציין נאר דעמאלס גייט ער ארויס פריי, ווייל עס שטייט אין פסוק **ושחתה** מיט א איבריגע ה׳ עס וואלט געקענט שטיין **ושחת**, לערנט מען ארויס פון די איבריגע ה׳ אז עס מוז דווקא זיין אז די הער האט אינזין געהאט, אין דער אנדערער דרשנ׳ט נישט די ה׳ במילא אפילו ער האט נישט אינזין געהאט גייט ער אויך ארויס פריי.

עס שטייט אין מדרש אז איינמאל האט אברהם אבינו געשריגען אויף זיין קנעכט אליעזר און פון גרויס פחד זענען זיינע ציין ארויס געפאלן, אברהם אבינו האט דאך ׳נישט אינזין געהאט׳ אויס צו האקען זיינע ציין, קומט אויס אז אויב מען דרשנ׳ט די איבריגע ה׳ פון ושחתה איז ער נישט ארויס פריי, ווייל די ה׳ קומט ארויס לערנען אז נאר אויב מען האט ׳אינזין געהאט׳ גייט די קנעכט ארויס פריי, אויב אבער דרשנ׳ט מען נישט די ה׳ איז אליעזר יא ארויס פריי.

ווען אליעזר איז געקומען נעמען א ווייב פאר יצחק האט מען אים געפרעגט ווי אזוי ער קען זיין א שליח, איין שליח קען דאך נישט מאכן א אנדערע שליח, (יצחק האט געמאכט אברהם פאר א שליח און אברהם האט געמאכט אליעזר פאר א שליח), האט אים אליעזר געזאגט **עבד אברהם אנכי** אז ער איז נאך א קנעכט פון אברהם, און אויב איז ער נאך א קנעכט מוז דאך זיין אז מען דרשנ׳ט יא די ה׳ (פון ׳ושחתה׳), קומט אויס אז מען דרשנ׳ט אויך די ה׳ פון ׳ושלחה׳ און מען לערנט ארויס אז א שליח קען מאכן א אנדערע שליח, האט אברהם יא געקענט מאכן אליעזר פאר א שליח, ממילא קען ער יא נעמען א ווייב פאר יצחק.

# מילי דשמעתתא!

בשיעור השבוע במסכת קידושין פרק האיש מקדש

*

## מורד במלכות הוי דקאמר לי׳ ואדוני יואב.

די גמרא זאגט אין מס׳ שבת (דף נו ע"א) **אמר רב רבי דאתי מדוד מהפך ודריש בזכותי׳ דדוד.** רבי וואס שטאמט פון דוד המלך, טוט נאכגיין און דרש׳נט אינעם זכות פון דוד המלך, אז ער האט געמעגט הרג׳ענן אורי׳ החתי. פרעגן אלע מפרשים וואס מיינט דער לשון ׳מהפך ודריש׳, וואס דרייט ער איבער?

ענטפערט דער **מעשה רוקח** (להרה"ק ר׳ אלעזר מאמסטערדאם זי"ע) לויט וואס מיר האבן געלערנט פאריגע וואך אין די סדרה אז א"א האט געזאגט **"א־ד־נ־י אם נא מצאתי חן בעיניך"**. ברענגט רש"י 2 וועגן לויט איין פשט מיינט עס "קודש", און לויטן צווייטן פשט האט ער גערעדט צו די מלאכים. און לויט די וועג אז ס׳מיינט "קודש" - זאגט רש"י - דארף מען זאגן אז די פסוקים גייען נישט אין סדר.

לויט דעם קען זיין אז דוד האט גע׳הרג׳ט אורי׳ ווייל ער האט געהאלטן אז ער איז מורד במלכות ווייל ער האט געזאגט "ואדוני יואב" פארן קעניג, און עס פאסט נישט צו זאגן "ואדוני יואב" ווען דער קעניג איז דארט.

אויב זאגן "אדוני יואב" פארן קעניג הייסט א מורד במלכות צי נישט, ווענדט זיך אין די צוויי וועגן פון רש"י, ווייל אויב זאג איך אז אאע"ה האט געזאגט א-ד-נ-י פאר די מלאכים, ווען השי"ת איז דארט געווען, קען איך נישט זאגן אז דאס הייסט א מורד במלכות, ווייל אברהם אבינו וואלט דאך דאס נישט געטון. מילא איז דוד המלך נישט גערעכט אויף דעם וואס ער האט גע׳הרג׳ט אורי׳. אויב זאג איך אז אאע"ה האט גערעדט צום אייבערשטן קען איך יא זאגן אז זאגן "אדוני יואב" הייסט א מרידה במלכות, און דהמע"ה איז יא גערעכט געווען.

לויט דעם איז זייער שיין דער פשט אין די גמ׳ אז רבי וואס ער וויל אויפווייזן אז דוד האט נישט געזינדיגט מיטן הרג׳נען אורי׳, און אורי׳ איז געווען א מורד במלכות, ווייל מ׳טאר נישט זאגן "אדוני" ווען דער מלך איז דארט. מוז דאך האלטן אז דער א־ד־נ־י ביי א"א מיינט "קודש" און נישט די מלאכים, און אויב ער וויל זאגן דעם פשט מוז ער זיין א "מהפך ודריש" דארף ער איבערדרייען דעם סדר פון די פסוקים.

# יגעת ומצאת!

**אזוי ווי די וואך דאנערשטאג געפאלט אויס די יארצייט פון הגה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זצללה"ה, ווען מיר דא ברענגען איבער די הייליגע שושילתא קדישא לבית בעלזא, וואס זיי זענען געווען די גרעסטע לוחמי מלחמת השם, ומעמידי הדת על תלה אינדערהיים אין גאליציען, און איבער גאנץ אייראפע.**

ווי אזוי האט געהייסן? זיין טאטע? זיין שווער? בעמח"ס? א תלמיד פון? נפטר ביום? שנת?

**הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע – הרה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע – הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע**

ראשי תיבות

**ווי אזוי מאכט דאס ווארט** (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ג׳)

**גפ"ת, גמ"ח, גמח"ס, גז"ש, גיה"נ, גאו"צ, גאב"ד, ג"פ, ג"כ, גימ׳,**